ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת תולדות

אידיש

**506**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק ששי

## תולדות

אַ מענטש זאָל זיך נישט מצטער זיין ווען עס קומען ח״ו אויף אים יסורים, און ער זאָל געדענקען אַז עס איז אין זיין האַנט צו שטייגן און זיין גאַנץ נאָך מער ווי די מלאכים, און ער זאָל פאַר זיך איינקויפן יעדע סאָרט גאַנצקייט און סגולות.

דער הייליגער גאון וצדיק ר״ר הלל קאלאמייער זצ״ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאלט
## פון זעקסטער פרק


א. אַלע טרעפונגען וואָס קומען אויפן מענטש מיט דער צייט .......... ג
ב. דאָס ענין וואָס מיר טרעפן ביי די גדולי הדורות וואָס עס האָט זיי געטראָפן די טרעפונגען, כדי אַז אויב עס וועט אויך פאַסירן צו עמיצן אין די שפעטערע דורות, זאָל ער זיך טרייסטן צוזאַמען מיט זיי, ווייל ער איז נישט בעסער פון זיינע עלטערן. .......... ד
ג. אַ משל פאַר אַ מענטש וואָס איז שולדיג פאַר זיין גוטן פריינט .......... ו
ד. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן, אַז מיטן דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג איז ער שוין אַ בן עולם הבא און ער דאַרף נישט טוהן מער פון דעם. .......... ז
ה. ווער איז אַ טיפש, אַ שוטה, און ווער איז אַ פקח און אַ חכם. .......... ט
ו. דער מענטש דאַרף געדענקען אַז דער באַשעפער שטראָפט דעם זינדיגן פאַר זיין שלעכטס, און מ'דאַרף נישט ספעציעל אויסרופן דערויף אין הימל. .......... י
ז. דורכן עוסק זיין אין תורה און מקיים זיין מצוות קויפט ער זיך גוטע שטיינער, גראָז און בעלי חיים. .......... יא
ח. אַ געווירץ צו היילן דעם זעל פונעם מענטש .......... יג
ט. ווען אַ מענטש איז מקיים אַלע מצוות, ווערט געבוירן אַ נייע סגולה וואָס העלפט קעגן יעדע מחלה און קלאַפּ. .......... יד
י. דער מענטש דאַרף זיך לערנען אַ מוסר פון די טמאי'נע בהמות און עופות, פאַרוואָס די תורה האָט געאסר'ט זיי צו עסן .......... טו
יא. התעוררות זיך צו שטאַרקן צו טוהן תשובה .......... טז
יב. די קריגעריי צווישן דעם יצר טוב מיטן יצר הרע .......... יח
יג. זאַכן וואָס אַ מענטש זאָל האַלטן אין זיין האַרץ כדי ער זאָל נישט זינדיגן .......... יח
יד. די מעלה פון וידוי .......... יט
טו. דער מענטש דאַרף תשובה טוהן ווען ער איז נאָך יונג, ווייל וואָס שפעטער ער פאַרריכט זיינע וועגן צו תשובה, שטאַרקט זיך דער יצר הרע, און דער מענטש זאָל נישט זאָגן, איך האָב נאָך צייט צו טוהן תשובה אויף די עבירות. .......... כ

# פרק ששי

**יודע הלבבות,** דער וואָס קען די הערצער און שאַפט מיט די בייזע טרעפונגען וואָס טרעפן דעם מענטש, דער האָט געזאָגט דורך די חכמי הגמרא, אַז אַ מענטש ווערט נישט געכאַפּט אויף זיין צער. דאָס מיינט: אויב אַ מענטש איז זיך מתרעם וואָס ער האָט פיל צער, שטראָפט אים נישט דער באַשעפער דערפאַר.

**כאשר,** ווי מיר געפינען ביי איוב וואָס ער האָט געעפנט זיין מויל און האָט גערעדט קעגן באַשעפער ברוך הוא, ביז זיינע חברים האָבן אים געשטראָפט, איז דער באַשעפער ברוגז געווען אויף זיי ווייל זיי האָבן מיט אים גערעדט האַרטע רייד, און אויף איוב איז ער נישט ברוגז געווען, ווייל ער האָט גערעדט מחמת צער.

## אַלע טרעפונגען וואָס קומען אויפן מענטש מיט דער צייט

**א. ואע״פ,** און כאטש מיר קענען נישט לייקענען די טבע וואָס איז מחייב דעם מענטש צער און זאָרג אויב עס טרעפט אים ח״ו אַן אומגליק און עס איז אים אַוודאי מבטל פון תורה און מצוות, אזוי ווי דער חכם האָט געזאָגט, די תורה פון דעם וואָס זאָרגט איז נאָר פון די לעפצן, כלומר מחמת דאגה קען ער נישט לערנען, דעריבער דאַרפן מיר זוכן אופנים ווי אַזוי דער מענטש זאָל זיך טרייסטן כדי ער זאָל קענען דינען זיין באַשעפער מיט שמחה, אַ ריכטיגע עבודה, און ער זאָל נישט פרעגן אויף דער טרעפונג וואָס באַגעגנט אים.

**דאָס ענין וואָס מיר טרעפן ביי די גדולי הדורות וואָס עס האָט זיי געטראָפן די טרעפונגען, כדי אַז אויב עס וועט אויך פּאַסירן צו עמיצן אין די שפּעטערע דורות, זאָל ער זיך טרייסטן צוזאַמען מיט זיי, ווייל ער איז נישט בעסער פון זיינע עלטערן.**

**ב. והנה,** און אַצינד וועל איך רעדן פון די טרעפונגען וואָס קומען אויף דעם מענטש, כדי איך זאָל אויפשרייבן זייער טרייסטונג, און דאָס זענען זיי.

**ער** ווערט נאָכגעיאָגט פון זיינע ברידער און קרובים. ער ווערט געלעסטערט פון מענטשן. ער האָט קינדער וואָס זענען נישט גוט אָדער ער האָט קיין קינדער נישט. אָרימקייט, שווערע אַרבעט. ער איז אַ בעל יסורים. די קינדער שטאַרבן ביי זיין לעבן. טונקעלע אויגן. אַ שלעכט ווייב.

**והנה,** די טרעפונגען און נאָך גרעסערע פון די זענען צוגעטיילט געוואָרן פאַר גרויסע צדיקים. אברהם האָט מפרסם געווען דעם באַשעפער׳ס נאָמען אויף דער וועלט, איז ער געווען אַ נרדף פון נמרוד. און אַזוי אויך יצחק איז געגאַנגען קיין גרר, אין לאַנד פּלישתים. יעקב קיין חרן. יצחק זענען געווען טונקל זיינע אויגן, און אַזוי אויך פיל פון די חסידים פון דער גמרא, דהיינו רב ששת און רב יוסף זענען בלינד געווען.

**יעקב,** דער בעסטער פון די אבות, איז אַנטלאָפן פון זיין ברודער, עשו הרשע, און יוסף הצדיק איז געווען אַ נרדף פון זיינע ברידער די צדיקים.

**קעגן** משה רבינו עליו השלום האָבן דתן ואבירם זיך באַהעפט מיט קרח און זיין עדה, און האָבן אים געלעסטערט.

**יהושע** האָט קיין זין נישט געהאַט. די קינדער פון עלי הכהן און די קינדער פון שמואל הנביא זענען נישט געגאַנגען אין די גוטע

ווענן פון זייערע עלטערן.

**חזקיה** הצדיק האָט געהאַט שלעכטע קינדער. דוד המלך האָט זיין זון אים געוואָלט הרג'ענען און ער האָט געהאַט פיל שונאים.

**הלל** און רבי חנינא בן דוסא און רבי אלעזר בן פדת און נאָך פיל אַזעלכע זענען געווען זייער אָרים און האָבן געטאָן שווערע אַרבעט, אַזוי ווי הלל וואָס האָט געהאַקט האָלץ און רבי יוחנן הסנדלר האָט גענייט שיך און דאָס גלייכן פיל צדיקים וועלכע האָבן עוסק געווען אין אַזעלכע מלאכות.

**רבינו** הקדוש איז געשטראָפט געוואָרן מיט אַ שווערע קראַנקהייט ל"ע פיר יאָר. ביי ר' יוחנן זענען אלע קינדער געשטאָרבן. פיל גרויסע חסידים האָבן געהאַט שלעכטע ווייבער, אַזוי ווי עס איז געשריבן אין דער גמרא. דער כלל דערפון איז, אַז פיל שלעכטע פאַסירונגען האָבן דערגרייכט די צדיקים.

**ובהיות**, און אַז עס איז יאָ אַזוי, אַז עס טרעפט צו כאָטש וועלכן מענטש יסורים ח"ו, אַזוי ווי עס זענען געקומען פיל יסורים אויף נחום איש גם זו און אַזוי ווי עס איז געקומען אויף איוב, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער צדיק, דאַרף דער מענטש זיך נישט מצער צו זיין טאָמער וועט מען אים חושד זיין אַז ער איז אַ רשע, ווייל עס האָבן אים געטראָפן די קראַנקהייטן און אַנדערע פראָבלעמען, זאָל ער זיך נישט מצער זיין, ווייל ער קען ענטפערן, אמת, צו די גרויסע חסידים האָט זיך אויך געטראָפן אַן ענליכע פאַסירונג ווי צו מיר, און מיט זיי זאָל זיך יעדער מענטש טרייסטן און ער זאָל זאָגן, מה דאָך צו די געליבטע צדיקים וואָס דער באַשעפער האָט זיי ליב, האָבן דערגרייכט אַזעלכע יסורים און זיי האָבן עס אָנגענומען מיט שמחה, איך, וואָס איך בין ערד און אַש, איז דאָך אַ פשיטא, און דערמיט וועט ער אָפּטאָן זיין דאגה און וועט דינען צו זיין באַשעפער און וועט זיך נישט מייאש זיין פון זיין לעבן.

**ואתה,** און דו, מענטש, ווייל דו ווייסט אַז אלע קראַנקהייטן און שלעכטע טרעפונגען זענען צעטיילט געוואָרן צווישן די געליבטע פון באַשעפער, פאַרוואָס זאָלסטו פאַרמיאוסן אין דיין לעבן אַז עס האָט דיר געטראָפן אַז דו ביסט נע ונד אָדער מען האָט דיך געלעסטערט, אָדער דו האָסט שונאים, קראַנקהייט אָדער יסורים אָדער דיינע קינדער שטאַרבן אָדער דו האָסט עפּעס אַ מום אָדער אַ בייז און שלעכט ווייב. ווען דו האָסט נישט קיין גוטע קינדער זאָלסטו זיי שטראָפן ביז זייער טויט זיי אומקערן צום גוטן, דאָס איז אויף דיר אַרויפגעוואָרפן און דערמיט האָסטו דיין לייב מציל געווען, און דער מענטש וואָס וויל נישט הערן שטראָף-רייד וועט שטאַרבן דורך זיינע עבירות, ווייל צו די צדיקים קומט עס צו מערן זייער שכר אויף עולם הבא און צו דיר זענען זיי געקומען אָפּצומעקן דיינע זינד, און פאַרוואָס זאָלסטו דאָס פאַר מיאוסן, אויב דו ביסט שולדיג אַז דאָס זאָל קומען אויף דיר.

## אַ משל פאַר אַ מענטש וואָס איז שולדיג פאַר זיין גוטן פריינט

**ג. דזהו,** דאָס איז ווי איינער איז שולדיג זיין גוטן פריינד אַ גרויסן חוב, און אויב ער זעט אַז דער חוב איז אים צו שווער איז ער געקומען צו דעם וואָס איז אים שולדיג און האָט אויף אים געשריגן מיט בייזן, און די כוונה איז געווען כדי מחמת דעם זאָל ער אים מוחל זיין דעם חוב. דאַרף ער זיך דאָך אַוודאי פרייען זיך דערמיט און ער דאַרף נאָך לויבן זיין פריינד אויף דעם שרייען און בייזערן.

**אזוי** אויך דער מענטש איז שולדיג פאַרן אויבערשטן צוליב דעם וואָס ער האָט געזינדיגט פאַר אים און פונדעסטוועגן שפּייזט ער אים, און אַז דער באַשעפער זעט אַז דער חוב ווערט געמערט, שטראָפט ער אים מיט יסורים כדי צו מינערן זיין חוב. נו, דאַרף דאָך דער מענטש

אַוודאי דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער פאַר די יסורים וואָס קומען אויף אים וואָס זענען אַוודאי פאַר זיין טובה.

**דער מענטש זאָל נישט טראַכטן, אַז מיטן דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג איז ער שוין אַ בן עולם הבא און ער דאַרף נישט טוהן מער פון דעם.**

**ד. ובעלות,** און אַז דו וועסט דאָס איבערטראַכטן, וועסטו תמיד זיין פריילעך און קיין דאגה וועט דיך נישט שטערן פון דינען דעם אויבערשטן אַזוי ווי מען דאַרף אים דינען, צו גלוסטן צו לערנען די תורה און מצוות, מקיים צו זיין מיט אירע דקדוקים.

**ואל,** און ער זאָל נישט טראַכטן ווי די שוטים וואָס זאָגן, מיר וועלן האָבן עולם הבא ווייל מיר דאַווענען שחרית, מנחה און מעריב און מיר זענען עוסק אין אונזער פאַך און גנב'ענען נישט און גזל'ען נישט און מיר הרג'ענען קיינעם נישט און זענען נישט מזנה און טוען נישט קיין מענטש קיין שלעכטס. און מחמת דער פאַרזיכערונג לערנען זיי נישט און יאָגן נישט נאָך מצוות מקיים צו זיין, און זיי זאָרגן נישט אָפצוגעבן כבוד די חכמים, און זיי דערבאַרעמען זיך נישט אויף אָרימעלייט נאָר געצוואונגענערהייט.

**ואני,** און איך זאָג צו די שוטים, אמת דאָס וואָס איר רעכנט אויס איז גרויסע מצוות, זיי זענען אָבער נישט גענוג אז איר זאָלט ווערט זיין אַפילו צו זען דעם גן עדן פונדערווייטנס. און מכל שכן אז דורך דעם אַליין האָט איר נאָך נישט געגרייכט צו דעם כלל פון אידן, ווייל די דריי תפילות וואָס איר דאַוונט, איז עס מחמת רגילות פירן אייך די פיס צום דאַווענען און איר דאַוונט אָן כוונה, און וויפיל מחשבות האָט איר בשעת'ן דאַווענען, און איר דאַוונט זייער שנעל, ווי איינער וואַרפט אַראָפּ פון זיך אַ משא, און איר רעדט נאַרישקייטן איינער מיטן אַנדערן אינמיטן דאַווענען. און ווידער, דעריבער גייט איר דאַווענען מחמת

איינער שעמט זיך פאַר דעם אַנדערן, ער זאָל אים נישט האַלטן פאַר אַ שלעכטן.

**לכן,** דעריבער זאָלט איר וויסן אַז קיין מענטש איז נישט פאַרזיכערט ער זאָל האָבן עולם הבא. ער מוז מתפלל זיין מיט גרויס כוונה און זאָל מכוון זיין אַז ער איז מתפלל פאַרן באַשעפער וואָס האָט אים באַשאַפן, און אין זיין האַנט איז אים לעבדיג צו מאַכן און צו טויטן ח"ו, און חוץ אים איז נישט פאַראַן קיין גאָט.

**ולעסוק,** און מיט זיין גאַנצן כח זאָל ער לערנען תורה, מקיים צו זיין וואָס עס שטייט אין איר, און אויך אַ בעל מלאכה זאָל האָבן געזעצטע צייטן צו לערנען תורה, און בשעת דער אַרבעט זאָל זיין מחשבה זיין אין דער תורה, און דער אויבערשטער איז מצרף די מחשבה צו אַ מעשה.

**גם,** אויך זאָל ער זיך פלייסן מיט זיין כח און מיט זיין נפש און מיט זיין געלט מקיים צו זיין אלע מצוות וואָס ער קען טוהן און ער זאָל נישט אַוועקלאָזן קיין שום מצוה, סיי אַזעלכע מצות וואָס מיר האָבן אַ קבלה, זיי ווערן אָנגערופן הלכה למשה מסיני, און סיי אַזעלכע וואָס די חכמים האָבן מתקן געווען כדי מען זאָל נישט קומען עובר זיין אויף דער תורה, און אַלץ מיט גרויס ליבשאַפט. און ער זאָל זיין פרום און גוט מיטן באַשעפער און מיט מענטשן, און ער זאל גיין אין די וועגן פון באַשעפער און זאָל נישט אָפּלאָזן איין רגע.

**ולא,** די ליבשאַפט זאָל זיין אַזוי שטאַרק, אַז אפילו מען זאָל אים וועלן הרג'ענען צוליב דער דאָזיגער ליבשאַפט זאָל ער זיך לאָזן הרג'ענען מיט פרייד. דער דאָזיגער איז אָנגעגרייט צו עולם הבא. אָבער אַז עמיצער טוט נישט דאָס פריער דערמאַנטע און רעדט זיך איין אַז ער וועט אַוודאי האָבן עולם הבא, דאָס איז פון די רייד פון יצר הרע, וואָס ער רעדט אָן דעם מענטשן, בלינד צו מאַכן זיינע אויגן ער זאָל נישט

פאַרשטיין דעם חיוב וואָס איז אויף אים מקיים צו זיין ביז ער זאָל זוכה זיין צו עולם הבא.

**לכן,** דעריבער, כדי דער מענטש זאָל נישט אַריינפאַלן אין דער נעץ פון יצר הרע. זאָל ער גיין צו די חכמים און צדיקים וואו זיי זיצן, און אַז ער וועט זען זייערע פילע מעשים טובים און פרומקייט, וועט ער פאַרשטיין אַז מען מוז טוהן פיל מעשים טובים און האָבן אַ סאַך גוטע מעשים כדי זוכה צו זיין צו עולם הבא, און ער וועט שוין נישט צוהערן זיין יצר הרע מיט זיינע שלעכטע עצות. ווייל אַצינד אַז ער באַהעפט זיך צו חכמים און צדיקים האָט ער דערקענט דעם אמת, ווי אַזוי דער יצר הרע האָט אים געוואָלט פאַרפירן.

**ווער איז אַ טיפש, אַ שוטה, און ווער איז אַ פקח און אַ חכם.**

**ה. אשריו,** וואויל איז צו דעם מענטש וואָס פאַרברענגט אַלע זיינע טעג אין דער דינסט פון זיין באַשעפער.

**וואויל** איז צו דעם מענטש וואָס אַלע זיינע מחשבות זענען וועגן אויבערשטן און זיין תורה.

**וואויל** איז צו דעם מענטש וואָס איז עוסק אין תורה און אין מצוות. און ער דאַרף וויסן אַז דער וואָס קוקט אין ספרים פון אפיקורסים, דער איז אַ בלינדער-נאַר וואָס קוקט אין די נאַרישקייטן פון דער וועלט. ער איז אַ טויבער וואָס הערט זינגען לידער און ניבול פה, אַ שטומער וואָס רעדט שלעכטע רייד, אַ שוטה וואָס שווייגט ביי אַ דבר מצוה.

**אין,** עס איז נישט דאָ קיין גרעסערער שאָדן פון דעם וואָס טוט עבירות און שאַפט זיך אַ שלעכטן נאָמען. דער וואָס האַלט זיך גרויס, דער שאַפט זיך שפלות. עס איז נישט דאָ אַזאַ אָרימאַן ווי דער וואָס איז רייך פון גזילה. עס איז נישט דאָ קיין מיאוסערער פון דעם

וואָס צירט זיך וועגן אַ עבירה. עס הייסט נישט קיין שלימזל נאָר דעם וואָס באַהעפט זיך מיט רשעים.

**אין,** עס איז נישטאָ קיין פחד, נאָר ביי דעם וואָס איז זיך מייאש פון פורעניות. עס איז נישט דאָ קיין פאָרכט, נאָר ביי דעם וואָס האָט נישט קיין מורא פאַר השי"ת. עס איז נישט דאָ קיין שרעק, נאָר ביי דעם וואָס ווערט נישט דערשראָקן פון דער קללה פון אַ חכם. דער וואָס שרעקט זיך נישט פאַר די יסורים פון גיהנום, דעם דאַרפן זיך וואַרפן אַלע איברים.

**ולא,** אָבער דער וואָס דינט דעם אויבערשטן און איז עוסק אין דער תורה און אין מצוות, איז קלוג און פאַרנעמט רייד און רעדט צו צו אַ דבר מצוה און האָט שכל און געווינט שטענדיג תורה און מצוות, און ער האָט אַ גוטן נאָמען און האָט אַלע מעלות און איז אַ זריז און אַ גבור און פריילעך, און האָט אַ הויך מזל און איז פאַרזיכערט פון פחד און שרעק.

**דער מענטש דאַרף געדענקען אַז דער באַשעפער שטראָפט דעם זינדיגן פאַר זיין שלעכטס, און מ'דאַרף נישט ספּעציעל אויסרופן דערויף אין הימל.**

**ו. ואתה,** און דו, מענטש דיינע אויגן זאָלן זיין אָפן צו זען ווי דער אויבערשטער באַצאָלט דעם רשע שלעכטס לויט זיין רשעות, ווייל דער אויבערשטער דאַרף נישט אויסרופן מיט אַ קול און זאָגן, זעט די פורעניות וואָס איך האָב געבראַכט אויף די זינדיגער, נאָר ער זאָל אַליין פאַרשטיין און ער זאָל וועגן די יסורים וועט ער זען אַז זיי זענען קעגן דער עבירה אין וועלכער ער איז געשטרויכעלט געוואָרן.

**דלמה,** ווייל פאַרוואָס זאָל ער ערגער זיין פון דעם שטומען וואָס מען ווינקט אים און ער פאַרשטייט, און אַז דער מענטש וועגט תמיד די יסורים קעגן די זינד ווערט איינגעוואָרצלט אין זיין הארץ אַז עס איז דאָ אַ משגיח אויף אַלע מענטשן און ער ציילט זיינע טריט, און

דורך דעם וועט אונטערטעניג ווערן זיין הארץ און ער וועט טוהן גוטס און פאַרמיאוסן שלעכטס, און אויך צוליב בושה וועט ער נישט מבטל זיין פון תורה און מצוות, ווייל דורך דעם וואָס ער גלויבט אַז דער אויבערשטער זעט אַלע זיינע מעשים ווערט ביי אים אמת אַז עס וועט קומען אַ טאָג ווען ער וועט דאַרפן אָפּגעבן אַ חשבון אויף זיינע מעשים.

**דאיך,** דען ווי זאָל ער צוליב בושה פון איין בשר ודם מבטל זיין די רייד פון דעם לעבעדיגן באַשעפער. אין דעם טאָג ווען ער וועט אָפּגעבן דין און חשבון, וואָס וועט ער ענטפערן? וועט ער דען קענען זאָגן, רבונו של עולם, פאַר דעם האָב איך זיך געשעמט און פאַר דיר נישט, דאָס זאָל דער מענטש איבערטראַכטן ווען ער לעבט און לאָז זיך נישט שעמען פאַר קיין מענטש קעגן דער ליבשאַפט פון אויבערשטן.

**דורכן עוסק זיין אין תורה און מקיים זיין מצוות קויפט ער זיך גוטע שטיינער, גראָז און בעלי חיים.**

**ז. עוד,** נאָך זאָל דער מענטש טראַכטן, אַז ער האָט אַ כח זיין נשמה גליקלעך צו מאַכן, פאַרוואָס זאָל ער זיך פילן, אַז ער קען יאָ אַזעלכעס טאָן, ער זאָל דורך דער זאַך קענען שאַפן אַלערליי שלימות.

**הנה,** די מלאכים האָבן אַ גרעסערע מעלה פון דעם מענטש, זיי זעען און מען זעט זיי נישט, און די חיות הקודש האָבן נאָך מער מעלה, און אַז דער מענטש איז מקיים מצוות און איז קלוג אין דער תורה זעט ער אויך וואָס עס וועט זיין, ממילא איז ער אין דער מדרגה פון מלאכים, און מיט זיין תורה קען ער קומען צו דער מעלה פון פנחס וואָס ער האָט געזען אַנדערע און אים האָט מען נישט געזען, און אַז ער וועט תמיד לויפן מקיים זיין מצוות, גלייכט ער זיך צו די הייליגע חיות וואָס זיי לויפן טאָן דעם רצון השם. און די ערד האָט אַ מעלה וואָס ברענגט אַרויס פירות און ציט אויס אַלערליי בליאונג און טייערע

שטיינער. און דער מענטש וואָס לערנט תורה און איז מקיים מצוות איז גלייך ווי ער ברענגט אויף פירות און אַלערליי בליאונגען. און אַז ער לערנט ביינאַכט קריגט ער דאָס ליכטיגקייט פון די טייערע שטיינער, ווייל די חכמה פון דעם מענטש טוט לייכטן זיין פנים. און מחמת זיין צדקות איז ער מתפלל אויף אַן עקרה אַז זי זאָל טראָגעדיג ווערן און השי״ת הערט אים צו. ער לערנט תורה ווערט אויף אים אַרויפגעצויגן פון אויבערשטן אַ חוט של חסד און ער האָט חן ביי אַלע און דורך דער תורה ווערט ער אַלעמאָל מער חכם, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק **יהב חכמה לחכימין**, דער אויבערשטער גיט קלוגשאַפט צו קלוגע.

**גם,** אויך איז פאַראַן אין די גראָזן די סגולה וואָס קענען מאַכן לעבעדיג, ווי דער מדרש זאָגט אַז עס איז דאָ אַזאַ גראָז וואָס קען לעבעדיג מאַכן טויטע. און דער מענטש וואָס לערנט תורה און איז אַ צדיק קען לעבעדיג מאַכן, גלייך ווי אליהו האָט לעבעדיג געמאַכט דעם זון פון דער אשה הצרפית; און אלישע דעם זון פון דער שונמית; און יחזקאל האָט לעבעדיג געמאַכט די קינדער פון אפרים; און רבי יוחנן צו רב כהנא; און ר׳ חייא צו דעם קנעכט פון תלמי המלך, און נאָך פיל אַזעלכע וואָס האָבן מחיה מתים געווען, און דער מלך המשיח וועט אויך מחיה מתים זיין.

**ובעוסקים,** ביי די וואָס לערנען תורה איז דאָ די סגולה פון אַלע רפואות, ווייל מיט זייער תפילה היילן זיי אַלע קראַנקהייטן און אַלע ווייטאָגן, אַזוי ווי אלישע האָט געהיילט די קרעץ פון נעמן.

**ובבעלי,** צווישן די לעבעדיגע באַשעפענישן, וואָס קענען נישט רעדן, געפינט מען קלוגשאַפט ביי דעם פוקס. אויך זענען דאָ אַזעלכע וואָס לעבן לאַנג, ווי דער פויגל וואָס הייסט חול, ווייל ער האָט נישט פאַרזוכט פון דעם עץ הדעת, און נאָך טויזנט יאָר ווערט ער

ווידער יונג. דער לייב האָט אַ גרויסע גבורה, און די אָקסן שטרייטן מיט זייערע הערנער.

**ועל,** דער מענטש וואָס לערנט תורה קריגט די סגולה פון דעם עוף "חול", ווייל די תורה פאַרלענגערט זיינע טעג און ער קריגט די גבורה פון אַ לייב, ווי עס שטייט אין פסוק **"לי גבורה"**, די תורה זאָגט, ביי מיר איז דאָס שטאַרקייט און שטרייט אין דער מלחמה פון דער תורה וואָס זיי זענען זיך מפלפל אין דער תורה.

**ובהיות,** אַז עס איז יאָ אַזוי, אַז דער מענטש האָט אַ כח צו זיין העכער פון אַלע באַשעפענישן, איז אויב ער וועט עס ח"ו נישט טוהן, וועט אים דערגרייכן פיל פאַרשעמונג אין דעם יום הדין, ווען ער וועט זען אַז ער איז ערגער פון אַלע באַשעפענישן.

## אַ געווירץ צו היילן דעם זעל פונעם מענטש

**ח. והנה,** איך וועל דיר געבן אַ זיסע רפואה פאַר דער נשמה צו די וואָס זייער נשמה איז שוואַך. דורך דער רפואה וועט געהיילט ווערן די נשמה און דער גוף. נעם דיר ווארצלען פון יראת שמים, פון שפלות, ענוה, בושה רחמנות און גמילות חסד און די צווייגן פון דעם בוים פון שכל, און די אמת'ע חכמה און גראָז דאָס איז די מצוות עשה און לא תעשה, און זאַנגען זענען די גדרים וואָס די חכמים האָבן געמאַכט, און בליאונג דאָס איז די צדקה און גוטע רייד צו אָרימעלייט, און פירות דאָס זענען מצוות און תורה לערנען, און דו זאָלסט דאָס אלץ צושטויסן אין דעם שטייסל פון חרטה און מתוודה זיין אויף די זינד, און קאָך דאָס אַלץ אין וואַסער פון טבילה און ריינקייט.

**ותערבם,** און מיש זיי מיט די טרערן פון די אויגן און וואַרף אויף דערויף בשמים פון דקדוקי מצוות און פרומקייט, און עס זאָל זיין געפרעגלט מיט שמן, וואָס דאָס מיינט אַ גוטער נאָמען, און שמיר זיך פון אינעווייניג און פון אויסנווייניג, און דאַן וועסטו תיכף

שוויצן מיט אַ שווייס פון מחילה, סליחה און פאַרגעבונג, און דו וועסט זיין אָן זינד גלייך ווי דו ביסט ערשט געבוירן געווארן.

**ווען אַ מענטש איז מקיים אַלע מצוות, ווערט געבוירן אַ נייע סגולה וואָס העלפט קעגן יעדע מחלה און קלאַפּ.**

**ט. ומרקחת זו,** און די דאָזיגע געווירץ האָט שלמה המלך מרמז געווען אין ספר **משלי** "**רפאות תהי לשרך**", די תורה וועט זיין אַ היילונג צו דיין נאָפּל, "**ושקוי לעצמותיך**", און אַ געטראַנק צו דיינע ביינער, "**כי חיים הם למוצאיהם**", ווייל די תורה איז אַ לעבן צו די וואָס רעדן אין איר מיט זייער מויל.

**תני,** עס ווערט געלערנט (אין מדרש), חזקיה זאָגט, די תורה איז אַ קרוין אויפן קאָפּ, ווי עס שטייט אין פסוק די תורה איז אַ באַהעפטונג פון חן צו דיין קאָפּ און אַ צירונג פאַר דיין האַלדז. אַ באלזאם פאַרן האַרץ, ווי עס שטייט, די מצוות פון אויבערשטן דערפרייען דאָס האַרץ, אַ היילונג צו די אויגן ווי עס שטייט, די מצוות פון אויבערשטן דערלייכטן די אויגן. און ווי אַ מעדיצין פאַר געדערים, ווי דער פסוק זאָגט, זי איז אַ היילונג פאַר דיין נאָפּל און אויך פאַר אַלע צוויי הונדערט און אַכט און פערציג איברים פון דעם מענטש, ווי דער פסוק זאָגט "**ולכל בשרו מרפא**", און צו זיין גאַנצן קערפּער איז זי אַ היילונג.

**הכוונה,** דאָס מיינט חזקיה, יעדע מצוה איז אַ סגולה צו דערהאַלטן איין אבר פון מענטש, און אַז דער מענטש איז מקיים אַלע מצוות ווערט עס אַ היילונג וואָס העלפט פאַר אַלע איברים ווי טריאקה וואָס העלפט צו אַלערליי קראַנקהייטן, ווי מיר האָבן פריער געשריבן אַז די תורה איז אַ רפואה פאַרן קאָפּ און פאַרן האַלז און דעם האַרץ, פאַר די אויגן, פאַר די געדערים, און פאַר אַלע איברים.

**דער מענטש דאַרף זיך לערנען אַ מוסר פון די טמא׳נע בהמות און עופות, פאַרוואָס די תורה האָט געאסר׳ט זיי צו עסן.**

**י. וכן,** און אויך האָט דער אויבערשטער אונז געלערנט אַז מיר זאָלן זיך שאַפן גוטע מדות מיט דעם וואָס ער האָט אונז געאסר׳ט צו עסן טמא׳נע עופות און בהמות, וואָס אויסער דעם סוד וואָס עס איז דאָ אין דעם וואָס דער אויבערשטער האָט עס געאסר׳ט, האָט ער נאָך דערמיט מרמז געווען צו לערנען דערמיט אַ מוסר, ווייל דער אויבערשטער האָט אונז מתיר געווען אַזעלכע עופות וואָס זיצן אין הויז, צו לערנען אונז צו זיין אַ היים-זיצער און נישט אַרומלויפן, און די עופות עסן ווייץ און גערשטן און זיי פאַרצוקן נישט.

**ומהן,** און פון זיי זאָלן מיר זיך לערנען צו דערקענען עסן, אַז מיר זאָלן נישט זיין אַזוי ווי טמא׳נע עופות וואָס פאַרצוקן אַנדערע עופות, און אויך די בהמות טמאות האָבן אין זיך פיל כעס און הרג׳ענען, און זייער נאַטור איז שלעכט. און אַזוי אויך די טמא׳נע חיות, דעריבער האָט דער אויבערשטער אונז אָפּגעשיידט פון זיי.

**הגמל,** דער קעמל, כאָטש ער איז מעלה גרה, אָבער ווייל ער האָט נישט קיין צושפּאָלטענע קלאָען איז ער טמא. דאָס איז צו ווייזן אַז מען זאָל נישט זאָגן עס איז גענוג איך זאָל גאַנץ זיין אין איין מדה כאָטש איך וועל נישט האָבן אין מיר די איבעריגע מדות, נאָר מען מוז האָבן אַלע גוטע מדות.

**הבהמה,** די טהור׳ע בהמה איז מעלה גרה, צו לערנען אונז מען זאָל קייען די ווערטער און מאָלן זיי און איינשלינגען זיי און ווידער צומאָלן זיי איידער ער ברענגט זיי אַרויס פון דעם מויל זאָל מען זיך גוט מיישב זיין, און צושפּאָלטענע קלאָען ווייזן אונז אַז מען זאָל פאַרשטיין צו שפּאַלטן זיינע קלאָען צווישן די וועגן פון לעבן און וועגן פון טויט, דאָס מיינט ער זאָל מיט זיין שכל אונטערשיידן דעם

גוטן וועג פון לעבן און דעם וועג פון טויט. דאָס מיינט מען, מען זאָל מיט שכל אונטערשיידן דעם גוטן וועג פון צווישן דעם שלעכטן.

**נמצא,** קומט אויס, אַז אויסער די סודות התורה, פאַרוואָס ער האָט אַ טייל בהמות און עופות מתיר געווען און אַ טייל געאסר'ט, קען מען דערפון לערנען רפואות פאַר דער נשמה.

## התעוררות זיך צו שטאַרקן צו טוהן תשובה

**יא. הרי,** זע וויפיל אופנים האָט דער אויבערשטער געוויזן צו עפענען די אויגן פון די מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך לערנען בעסער צו מאַכן זייערע וועגן כדי זיי זאלן ירש'ענען די ש"י עולמות.

**ואם,** און אויב דער מענטש וועט זאָגן, איך האָב זייער פיל געזינדיגט קעגן אויבערשטן וועלכער האָט מיך באַשאַפן אין מיין מוטער'ס בויך און האָט מיך דאָרט געהיט איך זאָל נישט זיין קיין נפל און האָט מיט מיר דאָרט געלערנט זיין תורה, און האָט מיך מיט פרידן אַרויסגעצויגן אויף דער וועלט, און האָט מיך מפרנס געווען און האָט געגעבן מילך אין די ברוסטן פון מיין מוטער און האָט מיך מציל געווען פון אַלעם בייזן און איך האָב די אַלע טובות נישט געדענקט און האָב אים דערצערנט, און אַלץ וואָס ער האָט פיינט האָב איך געטאָן. נו, ווי אַזוי איז מיר איבערגעבליבן אַן אופן תשובה צו טאָן, ווייל איך שעם מיך זייער צו בעטן אים ער זאָל מיר מיינע זינד מוחל זיין.

**זאת,** דאָס וועל איך דיר ענטפערן, שטאַרק דיך אין תשובה, ווייל דער אויבערשטער האָט ליב די וואָס טוען תשובה און דער אויבערשטער לערנט אונז תשובה צו טאָן. השי"ת זאָגט, שעמט אייך נישט תשובה טאָן, ווי עס שטייט אין פסוק "**כה אמר ה'**", אַזוי האָט דער אויבערשטער געזאָגט, "**הנני שב**" אַז איר וועט תשובה טאָן און ענדערן אייערע שלעכטע מעשים וועל איך ענדערן מיינע גזירות און וועל זיך אויף אייך דערבאַרעמען.

**ובראותך,** אַז דו, מענטש, זעסט ווי ווייט דער כח פון תשובה דערגרייכט, וואָס פאַר אַ טענה איז איבערגעבליבן פאַר דיין יצר הרע דיך צוריקצוהאַלטן פון איר, וואָס ער וועט דיר ווענלן זאָגן דו האָסט צופיל געזינדיגט, האָסטו שוין קיין האָפענונג נישט, דעריבער טו וואָס דיין הארץ גלוסט וועסטו כאָטש האָבן די וועלט.

**דאָס** אַלץ איז זיינע ביטערע איבעררעדונג צו מאַכן דיך פאַרלירן דער וועלט און יענער וועלט.

**נקוט,** דעם כלל נעם דיר אין דער האַנט, אַז די מדה פון יצר הרע איז צו מאכן זינדיגן דעם מענטש. דעריבער, כאָטש דיר וועט זיך דאַכטן אַז ער גיט דיר אַ גוטע עצה, פונדעסטוועגן טו פאָרט פאַרקערט, ווייל פון זיין עצה קומט אַוודאי קיין הילף נישט.

**שים,** זע, מענטש, ווער עס האָט צוגעהערט צו זיין יצר הרע און האָט באַגליקט. ווער איז געגאַנגען אין זיין וועג און האָט נישט געזען פינצטערקייט. וועמען זענען זיס געווען זיינע רייד און זיין צונג איז נישט באַהעפט געוואָרן צום גומען. ווער האָט געזונגען אויסגעלאַסענע לידער און זיין האַלז איז נישט הייזעריג געוואָרן, כאָטש עס דאַכט זיך אַז זיינע עצות זענען זיס. ער וועט אָבער זען צום סוף אַז עס איז שלעכט און וועט זיין אין אַ גרוב פון שלאַנגען און עגדיסן דורך דעם וואָס ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין יצר הרע.

**אבל,** זאָלסט וויסן אַז דאָס אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט דיר געבאָטן צו טאָן און צו היטן, דאָס איז אַלץ פאַר דיין טובה, און כאָטש עס שיינט דיר שווערלעך, אָבער צום סוף וועלן זיי זיין זיס ווי האָניק און פיל גוטס וועסטו האָבן אויף דער וועלט. דו וועסט זיין געקרוינט מיט פיל קרוינען און די מלאכים וואָס דו האָסט באַשאַפן מיט דיינע מצוות וועלן דיך באַדינען.

**ומי,** און ווער זאָל דען ברענגען אויף זיין האַרץ מורד צו זיין אין דעם באַשעפער און צוהערן זיך צום יצר הרע, ער דערקענט דאָך אַז

זיין כוונה איז צו פאַרטיליגן אים און אַריינצואוואַרפן אים אין אַ קאַלעך-גרוב.

## די קריגעריי צווישן דעם יצר טוב מיטן יצר הרע

**יב. ואציג,** און איך וועל פאַר דיר פאָרשטעלן אַ וויכוח פון דעם יצר טוב מיט דעם יצר הרע, און עס איז גוט צו זאָגען, כדי אונטערטעניג צו מאַכן די הערצער.

**אראה,** איך זע מיינע טעג לויפן און די אַרבעטער זענען פויל און דער בעל הבית טרייבט. אין מיר איז געגעבן געוואָרן דער יצר הרע, דער אכזר ווי אַ ברענענדיג פייער. ווי איז מיר פון מיין יצר הרע און פון מיין באַשעפער. מיין יצר הרע רייצט מיך איך זאָל אים פאָלגן, און דער באַשעפער זאָגט איך זאָל אים נישט פאָלגן.

**מה,** וואָס זאָל טאָן דער מענטש וואָס איז געמאַכט פון פייער, לופט, וואַסער, ערד. דאָס זענען מיינע פיר יסודות, זיי זענען אַלע באַהאָפטן אין מיין יצר הרע.

**איך** זע אַז איך בין פאַרשניטן, ווייל איך בין געגאַנגען נאָך מיין יצר הרע. איך האָב געוואָלט אויפשטיין גאַנץ פרי, האָט דער יצר הרע מיר געגעבן עצות, שלאָף בעסער, האָב איך אים געשטראָפט אויף זיינע שלעכטע רייד און ער פאָלגט נישט די שטראָף. האָב איך אים געשוויגן אַזוי ווי דער וואָס האָט די שווערע קראַנקהייט און אַ קאַלטער שווייס גיסט זיך פון דעם גוף. קעגן מיין יצר הרע קען איך נישט ביישטיין.

## זאַכן וואָס אַ מענטש זאָל האַלטן אין זיין האַרץ כדי ער זאָל נישט זינדיגן

**יג. ואתה,** און דו, מענטש, באַרעכן זיך, אויב דער וואָס זינדיגט טראַכט אין זיין דעה אַז דער אויבערשטער זעט וואָס ער

טוט, איז ער אַ גרויסער עזות פנים, ווייל ער ווייסט אַז דער אויבערשטער זעט זיינע מעשים און ער שטעלט זיך אונטער מורד צו זיין אין דעם אויבערשטן, און זינדיגן פאַר אים אַז ער זעט אים.

**ואם,** און אויב דער זינדיגער וועט טראַכטן אַז דער אויבערשטער כביכול זעט אים נישט, לייקנט ער אין אויבערשטן מיט דעם וואָס ער זאָגט אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זעט נישט וואָס עס קומט פאַר אויף דער וועלט, און ווער איז דער וואָס וועגן איין רגע זאָל ער לייקענען אין אויבערשטן ברוך הוא.

**וטוב,** און עס איז זייער גוט פאַר דעם זינדיגער ער זאָל זיך מתוודה זיין אויף זיינע זינד פאַרן אויבערשטן ברוך הוא, ווייל דורך דער ווידוי ווערן פון אים אָפּגעטאָן אַלע מקטריגים. יעדער וואָס איז זיך מתוודה איז זיין דין אין די הענט פון אויבערשטן, נישט פאַרן בית דין של מעלה, און דער אויבערשטער ברוך הוא איז אַ דערבאַרעמדיגער און דער וואָס זאָגט אַליין אַרויס זיין זינד איז דער אויבערשטער אים מוחל, און דאָס איז דער ערשטער עיקר פון דער תשובה, און אַזוי האָבן די חכמים געזאָגט אין מסכת יומא, וצריך לפרש החטא עצמו, און ער מוז אַרויסרעדן די עבירה, אַזוי ווי רש״י שרייבט, ער מוז אַרויסזאָגן: די און די עבירה האָב איך געטאָן. און ער איז נישט יוצא דערמיט וואָס ער זאָגט ״אשמנו בגדנו וכו׳״.

## די מעלה פון ווידוי

**יד. ולכן,** און דעריבער זאָל יעדער מענטש זיך באַטראַכטן בשעת ווידוי און אַרויסרעדן אַלע זינד וואָס ער האָט געטאָן בשוגג און במזיד, און ער זאָל בעטן דעם אויבערשטן ברוך הוא ער זאָל אים מוחל זיין די זינד, און ער זאָל נישט טאָן נאָך אַמאָל די עבירות און ער זאָל זיך שעמען דערויף וואָס ער האָט פריער געטאָן די עבירה, און ממילא וועט ער זיך נישט דאַרפן שעמען ביי דעם גרויסן יום הדין.

**דער מענטש דאַרף תשובה טוהן ווען ער איז נאָך יונג, ווייל וואָס שפּעטער ער פאַרריכט זיינע וועגן צו תשובה, שטאַרקט זיך דער יצר הרע, און דער מענטש זאָל נישט זאָגן, איך האָב נאָך צייט צו טוהן תשובה אויף די עבירות.**

**ואל,** און דער מענטש זאָל נישט זאָגן ווייל די האַנט פון אויבערשטן איז שטענדיג אָפן מקבל צו זיין די וואָס טוען תשובה, האָב איך נאָך צייט תשובה צו טאָן פאַר מיין טויט.

**זאָלסט** אַזוי נישט זאָגן, ווייל דער טויט קומט פּלוצלונג, דו ווייסט נישט די צייט ווען ער וועט קומען. די צייט איז קורץ און די אַרבעט איז זייער פיל און וואָס דער מענטש שפּעטיגט זיך צו פאַרריכטן זיין נשמה ווערט דער יצר הרע ביי אים אַלץ שטאַרקער און זיין האַרץ ווערט האַרט, ווייל ער ווערט צוגעוואוינט אין דער עבירה און אַלע עבירות ווערן ביי אים ווי אַ היתר, און נישט גרינג וועט ער זיך קענען רייניגן, און אַפילו ווען ער וועט תשובה טאָן אויף זיין עלטער איז זיין תשובה נישט קיין ריכטיגע תשובה, און ער וועט אויף איר נישט מקבל זיין אַזאַ שכר גלייך ווי ער וואָלט איר געטאָן אין זיין יוגנט, ווען זיין כח איז נאָך אין אים.

**ולזה,** און דערויף איז מרמז דער זוהר אויפן פסוק "**מפני שיבה תקום**", דאָס מיינט מען פאַר דיין עלטער זאָלסטו אויפשטיין תשובה צו טאָן.

**על כן,** וועגן דעם, מחמת ליבשאַפט צו זיין באַשעפער זאָל ער זיך שטאַרקן איבערן יצר הרע אין זיין יוגנט, בשעת ווען ער האָט נאָך כח צו טאָן די עבירה און האָט איר אין די הענט צו טאָן, און ער זאָל זיך פאַרמיידן פון דעם בייזן וואָס ער האָט אָנגעהויבן צוגעוואוינען זיך מיט זיי, און ער זאָל פאַר'מיאוס'ן אין זיין האַרץ דאָס שלעכטע און זאָל גלויבן אַז דאָס איז די אמת'ע רפואה צו אַלע זיינע עבירות. ווייל אַז ער וועט אין דעם גלויבן וועט ער זען צו טאָן תשובה

מיט אַלע תיקונים און פּרטים וואָס שטייען געשריבן אין די ספרים, וואָס די חכמי האמת האָבן מחבר געווען.

**ועיין,** און זע אין דעם ספר **אור קדמון,** דאָרט וועסטו געפינען די זאַכן פון תשובה וואָס זענען איבערגעזיפּט מיט דרייצן זיפּן, וואָס זיי זענען נוגע צו דער נשמה או צו דעם גוף, און זיי דערוועקן די הערצער וואָס שלאָפן, און מכל-שכן אַז יעדער וואָס טוט תשובה מוז האַלטן ביי זיך די ספרי מוסר וואָס זיי לערנען דעם מענטשן די וועגן פון תשובה, דהיינו ספר **חובת הלבבות** און דער **ראשית חכמה** און דער **של״ה,** און נאָך פיל אַזעלכע ספרים, זייער זכות זאָל אויף אונז מגין זיין אמן.

❀ ❀ ❀

בעזרת השם יתברך

**פרשת ויצא**

נדבת
משפחות חלאק,
אורפלי, עסיס,
קבאני וכבזר נ״י

# לטובת נשמת

נסים אורפלי הלוי בן אהרן ואמילי
נפטר יום ג׳ כסלו תשנ״ז